UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Vilne – Yerushalayim D'Lite/ Vilna – Jerusalem of Lithuania

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/8620099s

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

**Author**
Abraham Golomb, Avrum Golomb/

**Publication Date**
1980

**Copyright Information**
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אברהם גאָלאָמב

# ווילנע—ירושלים דליטע

ניין! ס'איז ניט אמת, ירושלים איז קיין מאָל ניט חרוב געוואָרן! די געשיכטעס דערציילן פאַלש און די כראָנאָלאָגיעס — ליגן. ניט אמת, ניין: ירושלים איז ניט חרוב געוואָרן. דאָס האָבן גוים געזען צעבראָכענע הייזער, איינגעוואָרפענע מויערן, א פאַרברענטן בית המיקדש, א צעאַקערטן הר־הבית — און זיי האָבן פאַלש עדות געזאָגט: חורבן. פאַרשטייען זיי דען אַנדערש? קאָנען זיי דען באַנעמען א קיום אָן שטיינער און אָן געביידעס?

פאַר אונדז אָבער, פאַר יידן, איז ירושלים קיין מאָל ניט חרוב געוואָרן.

און עס איז געווען אין די טעג פון יענער אומגליקלעכער מלחמה, ווען יידן האָבן פאַרלאָזן זייער יידישן גאַנג אין דער אייביקייט און זיי האָבן מיט רוימישע מיטלען געוואָלט קעמפן קעגן רוים — אין יענער מלחמה זענען געשטאַנען איינער קעגן דעם צווייטן — צווי:

אין אייזערנע פאַנצערס, מיט גאָלד און מיט בלוט באַשפריצט איז געשטאַנען אָן איבערגעזעטיקטער רוימישער העלד, אַספּאַסיאַנוס — און אים אַנטקעגן איז געשטאַנען דער פון הונגער אויסגעצערטער, קוואַרער און שוואַכער אַלטיטשקער, רבי יוחנן בן זכאי. דער אַלטער, שוואַכער שאַרבן־מענטש בעט ביי דעם שטאָלענעם האַמער פון גאַר דער וועלט א קליין סאַלקע־צימער אין א דערפל יבנה מיט עטלעכע שוואַכע און קראַנקע חכמים — מער ווי דאָס וויל ער ניט, מער ווי דאָס דאַרף ער ניט...

און עס לאַכט צופרידן דער מעכטיקער קריגער: אָט זענען נאַריש די „חכמים פון דעם פאָלק ישראל: דאָס גאַנצע לאַנד ווערט דאָ חרוב, פלאַמען פאַרלענדן דאָס לעצטע ביסל פון זייער פרייהייט — און זיי, אָט דער אַלטער אויסגעהונגערטער בטלן — ער דאַרף יבנה מיט די „חכמים". ס'איז א וויץ פאַר קליינע קינדער אין רוים. טאָ באַט אייך יידליקעס! האַלט זיך מיט אייער יבנה און וויסט: מיר, די מעכטיקע רוימער, קאָנען זיין גוטמוטיק אויך...

אין עטלעכע צענדליק יאָר אַרום — און עס טראַכט ווייטער א נייער מעכטיקער מאַכטהאָבער:

אָט האָבן עס די יידליקעס אָפּגענאַרט דעם מעכטיקן אַספּאַסיאַנוסן! אָפּנאַרערס אַזוינע וואָס זיי זענען! האָט דאָך יענער אַלטיטשקער, וואָס האָט ביי אים אויסגעבעטן יבנה, אַרויסגעגנבעט פון דעם חרובן ירושלים די נשמה פון ירושלים און זי אין יבנה פאַרפלאַנצט... א קליין אָרעם דערפל — רוים שלאָגט זיך ניט מיט שוואַכע קליינע דערפער, איז דאָרט די נשמה פון ירושלים צוריק אויסגעוואַקסן, און איצט גיי נעם איין פון דאָס ניי דאָס נייע ירושלים, דעם גילגול פון ירושלים...

... און אַזוי גייט ער, דער גילגול פון ירושלים ביז ער איז געקומען או זיך באַזעצט אין ירושלים דליטע.

נאַקעטע פעלדזן באַקן זיך אונטער דער זון אין אַלטן ירושלים, און שאַקאַלן באַוויינען דורך די נעכט די נאַקעטע טויטקייט. ניטאָ קיין הייליקייט דאָרטן, נסתלק איז געוואָרן די שכינה פון גאָט פון יענע טרוקענע פעלדזן פול מיט שאַקאַלן פירפיסיקע און מיט שאַקאַלן צווייפיסיקע. ניטאָ די שכינה דאָרטן, ניטאָ דעם פאָלקס שאַפערישקייט, זיין גייסט — גייען יידן איבער די חורבות און זעען שאַקאַלן, שלאַנגען, דערנער און שטעכלקעס, וויינען זיי. נאָר רבי עקיבא — דער וווּנדערלעכער גיגאַנט פון גייסט — ער לאַכט (פון דער אגדה): די הייליקע שכינה פון גאָט, פון פאָלק — זי איז דאָ, זי לעבט, זי שאַפט.

ווו?

אין ירושלים דליטע איז זי איצט. דאָרט אָטעמט מיט יידישקייט. זעקס הונדערט יאָר און מער איז יידישקייט געקוואָלן פון אַלע קוואַלן אין ירושלים דליטע. לענגער ווי עס האָט ווען פראָדוצירט יידישקייט

ירושלים דארץ ישראל. אַ דור גייט און אַ דור קומט, איטלעכער דור און זיין יידישקייט, אָבער קיין מאָל האָט ירושלים דליטע ניט אויפגעהערט צו שמידן אַלץ נייע רינגען אין דער גאָלדענער קייט. ניין! ניט איבערגעריסן איז די גאָלדענע קייט!

קאַרג און לעבלעך איז די זון אין ליטע, ניט הייס און ניט ליכטיק, אַן אָרעמע ליטווישע זון. און ווי דער ליטווישער הימל איז אָנגעכמאַרעט דאָס פנים פון ווילנער יידן. לאַכן? — וואָס אַזוינס מיינט עס לאַכן? אַז מיום שחרב בית־המיקדש טאָר מען גאָר ניט לאַכן! דאָס ווייסט אַ ווילנער ייד. און עסן עסט אַ ליטוואַק כדי צו מאַכן אַ ברכה און בענטשן; — אַז דער יצר־הרע פון עסן און טרינקען איז גאָר פאַרחלשט געוואָרן ביי די ווילנער יידן, אַז ער איז קוים פון זיי אַנטלאָפן...

טאָ וואָס שיינט און וואָס וואַרעמט דעם ווילנער יידן?

— די ירושלים של מעלה, אָט די זעלביקע וואָס רבי יוחנן בן זכאי האָט פון ירושלים געבראַכט קיין יבנה, אָט די אויסגעטאָנענע פון אַלע שטיינערנע גופים, אַ געלייטערטע פון אַלע מאַטעריעס, די כולו רוחניותדיקע ירושלים, אָן געאָגראַפישע און אָן מאַטעריעלע אַטריבוטן—אָט די ירושלים האָט דער ווילנער ייד אַראָפּגעשלונגען אין זיך און זי לייכט אים ווי זיבן זונען, און זי וואַרעמט אים ווי זיבן מאָל זיבן זונען.

און צווישן דער זומפיקער דורכגעוויקטער ערד און דעם דורכגעווייקטן פאַרכליפעטן הימל אויבן, גייען און לעבן יידן, און ניט די זון — די נשמה גלאַנצט אין זייערע אויגן...

קאַלט און האַרט און פאַרעקשנט איז דער ווילנער ייד, און אַז דער יצר־הרע ליגט אין דער לינקער פיאַטע, זיצט דער ייצר־טוב בהרחבה אין האַרצן און נאָך מער אין קאָפּ. לערנט ווילנע תורה — אין אַלע קלויזן און אין בתי־מדרשים: ביי די וואַסערטרעגערס, ביי די קומענקערערס, ביי די קברנים, ביי דער חברה פועלים אויך; ביי די שניידערס און שוסטערס, ביי די קצבים און ביי די סאָלדטן, און ביי וועמען ניט?

און אין ישיבות וואַקסן עילויים, שאַרפע ליטוואַקישע מוחות, רבנים, אפיקורסים, דרשנים און רעדנערס, פאַרטייפירער און מנהיגים. אַלע האַרט און פאַרעקשנט אין זייער גלויבן, לערנען פשטלעך און שפּילן זיך מיט חריפות און לערנען האַרטע תורות און טעאָריעס. „גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק" (פרץ).

און די אַלטע דבורה אסתר מיט דעם גוטן שמייכל אויף דעם צעקנייטשטן פנים קלייבט אַ גאַנץ לעבן גראָשנס אויף אַ גמילות חסד — און אָנגעקליבן! וואָס אַן אָרעמע ליטווישקע קאָן! און מאָטקע חבד זאָגט וויצן און לצוועט פון זיך און פון דער וועלט. און דורך דורות שפּאַצירן היכע גאונים מיט גרויסע שטערנס און לאַנגע ברעמען. ווייסן ניט פון מה נאה אילן זה, און דער „עץ" איז בלויז דער עץ־חיים, און דער ים איז דער ים התלמוד, וואָס מען זינקט אין אים און מען ברענגט אַרויף פערל. און עס וואַקסט אין ליטע די תורה, אַלע תורות. ווי דער טייג פון שוואַרצן ברויט יוירט אין די דייזשעס, אַזוי גייט אויף און יוירט די תורה אין ווילנע. דער ווילנער גאון שפּרייט זיינע קאַלטע פליגלען אויס איבער אַלע דורות; ר' שלמהלע הכהן שרייבט שטילע הערות צום ש"ס, און ר' שמשון ש"ס דרשנט אַלע ערב־ראש־חודש אין קברנישער שול און ער רעדט איין די דאַרע ווילנער יידן אַז זיי זענען זינדיק. און דער פאַרדאַרטער ר' בן ציון חריף מיט דעם שפּיציקן בערדל און שפּיציקן הוסט, מיט די שטרענגע אויגן אַריבער די בלעכענע ברילן, לערנט מיט זיינע שפּיציקע פינגער און שאַרפן שפּיציקן מוח דעם בונדיסט, א. ליטוואַק, און יענער דרייט איבער די סוגיא און ער חריפט זי אַריין אין די „לאָבוזעס און גנבים", וואָס זאָגן גאָר דער וועלט אַ שאַרף־שפּיציקן „איפכא מסתברא"— מען דאַרף דעם פשט פון דער וועלט דרשענען גאָר פאַרקערט, און האַרב איז דער דין און ער לעכערט בערג...

„ירושלים הרים סביב לה". ירושלים דליטע אויך.. ניט קיין נאַקעטע שוואַרצע קנאָכנס וואָס שטאַרצן פון צווישן די אָרעמע פאַרטריקנטע דערנער און שטע־

כלקעס. רונדע, גלאַטע היגלען ברוסטלען זיך אַרום ווילנע, צניעותדיק פאַרדעקט מיט גרינעם וואַלד־סאַמעט. און ערגעץ צווישן אָט די היגלען ליגט פאַרבאָרגן אַ וואָלאָזשין. פון דאָרט גייט אַ שיין אויף כל ישראל. פון דאָרטן שטראָמט אַרויס די תורה וואָס טאָר ניט ווערן פאַרגלייווערט אויף קיין איין דור ביט. זי, די שכינה איז נאָר דאָרטן ווו יידישקייט קוואַלט כסדר, ווו עס שאַפן זיך נייע און נייע תורות. ניסתלק געוואָרן די שכינה פון באַרג סיני און זי האָט געפונען איר היים אין אַ וואָלאָזשין. דאָרטן וואַקסן גאונים פאַר כל ישראל, רבנים, גרויסע יידן. דאָרטן בליט אויף אַ ביאַליק, אַ קולבאַק.

ירשלים הרים סביב לה... ווי ליב עס זענען מיר געווען די רונד־גלאַטע בערגלעך פון ווילנע! פון דער ליטווישער שווייץ אין ווערעק, מיט דעם גרויסן בייג פון דער וויליע העט ווייט ביז די בערג אין פאָנאַר.

אָ, איר בערג אין פאָנאַר! ניט קיין טוי און ניט קיין רעגן אויף אייך! פאַרוואָס האָט איר ניט אויפגעציטערט, ניט אויפגעריסן ווען מען האָט מיין פאָלק אויף אייך געקוילעט! און אַז ווינטן וועלן בלאָזן אין די שפיצן פון אייערעביימער, זאָל דאָס זיין דער געיאָמער פון רחל מבכה על בניה. און ווען באַנען לויפן אין טונעל דורך אייער אינגעווייד, זאָל אין קלאַפעריי פון די רעדער קלינגען די אַלטע קללה פון דער אַלטער „סנחריבטע“, די אַמאָליקע פאַרקויפערקע פון פאַרפוילטע עפּל: „אַ קרענק און אַ קלאָג, אַ קלאָג און אַ קרענק!“ קיין פאָזימקע זאָל זיך אויף אייך, בערג אין פאָנאַר, ניט רייטלען און קיין ווייסע מאַי־כוסהלעך זאָלן זיך ניט חנדלען — דער „אומפאַרשעמטער (אַ גיפטיקער שוועמל“), דער „דולמאַן“ און טייוולסקרויט זאָל אייך צודעקן און פאַרשאָלטן זאָלט איר בלייבן אין דער אייביקייט.

בערג און בערגלעך אין און אַרום ווילנע. תלי־תלים בערג און בערגלעך מיט אַלעריי תורות וואַקסן אין ווילנע. אויף נאָוועגראָד ווינען שינדערס פון בויבע, שוסטער־יונגען און קצבים. אויך זיי שמידן אַ תורה. דאָרט האָט געוווינט אַ הירש לעקערט, דאָרט האָט מען אונדז געפירט אין פינצטערע אָוונטן אין האַלב איינגעפאַלענע הייזקעס מיט פאַרמאַכטע לאָדנס און מען האָט אונדז געלערנט אַ נייעם פירוש אויף עמוסעס נבואה.

און אויף גרויס פאָהולאַנקע איז ביינאַכט שפּעט ליכטיק אין אַ פענצטער. דאָרט זיצט דער אַלטער דאָקטאָר שאַבאַד און שרייבט זיין תורה וועגן „פאָלקסגעזונט“. ער איז ניט קיין דאָקטאָר וואָס האָט אַן „אָפיס“ צו פאַרדינען געלט — ער האָט זיין „קאַבינעט“ ווו מען לערנט תורהפון געזונט. ווי זיין זיידע דער ראש ישיבה איז ער געשיקט צו דינען דעם פאָלק, אַ שליח בית דין איז ער. (שב״ד — שליח בית דין).

און דער אַלטער דאָקטאָר וויגאָדסקי גייט אפילו צום דייטשישן טייוול אַליין מאָנען גערעכטיקייט. ווי קאָן עס גאָר אַנדערש זיין — קאָן ניט באַנעמען דער אַלטער יידישער דאָקטאָר. וואָס? איז עפּעס לית דין ולית דיין? הפקר אַ וועלט? ווי קאָן דאָס אַן אַלטער ווילנער ייד באַנעמען. אַז בערל שניידער האָט עס ניט געקאָנט, אַז די אַלמנה שולמית האָט עס ניט געקאָנט (פּרץ), קאָן עס אויך ניט באַנעמען דער ווילנער ראש הקהל ד״ר יעקב וויגאָדסקי. און דער אַלטער אַריה ביישול האָט קיין צייט ניט צו פירן זיינע געשעפטן וייל ער דאַרף בויען די „הילף דורך אַרבעט“, זיין „ביליקע קיך“, זיין „מענגי שבת“ פאַר די וואָס האָבן ניט קיין אייגענעם שבת, און ער דאַרף לויפן אין „משמרת חולים“ און אין „מושב זקנים“ און ווו ניט?

און סטודענטן אין ווילנע גיבן אומזיסטע לעקציעס פאַר ישיבה־בחורים, זיי זאָלן קאָנען ווערן עקסטערנער. יאָ געוואָרן אַ דאָקטאָר צי ניט, אָבער נייע תורות האָט מען געקנעלט און זיי איבעראַלע וועלטן צעטראָגן, כי מווילנע תצא תורה ודבר ישראל מירושלים דליטע...

אַנדערע תורות זיינען דאָס, אָבער ווילנע ווייסט ניט פון קיין שפרונגען. צוויי תלמידים האָבן מקבל געווען די תורה פון ווילנער גאון: ר׳ חיים וואָלאָזשינער און ר׳ מנשה איליער. איינער האָט געצויגן

די שנורן פון דער אַלטער תורה און דער צוויטער — איז דער פֿאָטער פון דער השכלה. אַז דער גאון אַליין האָט מתיר געמאַכט וויסנשאַפֿטן! און אַנטקעגן דעם גאונס קלויז איז געשטאַנען די סטראַשון־ביבליאָטעק מיט אירע צוויי קילאָמעטער לאַנגע טישן פול באַזעצט מיט לייענערס און מיט לערנערס: יונג און אַלט, פֿרום און אַפּיקורסים, רבנים און שרייבערס, אין ווילנע אַנטלויפט ניט איין דור פון פריערדיקן! ווילנע רייסט ניט איבער די גאָלדענע קייט! ישיבות און שולן און גימנאַזיעס און סעמינאַרן — איין גראַדע ליניע.

דור דור וסופריו — שרייבערס פרומע, שרייבערס משכילים, שרייבערס יונגע, און שניאור מיט זיין „ווילנה סבתי" און קולבאַק מיט זיין מיזמור־שיר „ווילנע", וואָס בעט זיך מ'זאָל זי אַריינגעמען אין מחזור — און „יונג ווילנע" און „יונגוואַלד". און בקדושה האָט ווילנע געזאָגט שירה אפילו אין גיהנום פון אונטערגאַנג. און אַ פּשוטער ווילנער בחורל האָט זוכה געווען אַ יציאה נשמתו ב„זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!" הירשקע גליק פון ווילנע! גיי און זאָג אַן רבי עקיבאן אַז דו האָסט ווי מקדש געווען דעם שם פון געטלעכער יידישקייט...

אַ דור גייט און אַ דור קומט — גאוני בבל, חכמי לותר, חכמי ווילנא ובנותיה... שטייען זיי אַלע אין בלוטיקן שוויס און שמידן און שמידן אַ רינג נאָך אַ רינג די גאָלדענע קייט.

ווער קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דער „קריה נאמנה" (אַזוי האָט אַן אַלטער ווילנער משכיל און אַרעמער מצבה־קריצער, הלל נוח שטיינשניידער, אָנגערופן זיין מאָנאָגראַפֿיע וועגן ווילנע. (זיין זון דוד מגיד — פּראָפעסאָר אין לעניגראַד).

און אויך אין לעצטן אָטעם האָט זי איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע יידישע שטעט: ווער האָט נאָך אַזאַ רייכע חורבן־ליטעראַטור?!

עס ברענען די גלידער,
די זעל אָבער ניט.

אַזוי האָט אַ פּאָלקסזינגער געזונגען (מ. וואַרשאַווסקי) און ווילנע האָט עס מקיים געווען. און ווילנע איז איינהייטלעך און גאַנץ — זי איז יידיש. די וואַרשעווער „גמינע" בויט שולן, זענען זיי פּויליש; די ווילנער קהילה בויט שולן, זענען זיי יידישע. דער וואַרשעווער לערער יאַנוש קאָרטשאַק איז כולו פּויליש, די ווילנער לערערין מירע בערנשטיין איז כולו יידיש. און אַז עס בויט זיך אין ווילנע אַ וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, שוין גאָר אַ נייעס — ווערט ער אַ ייוו"א על משקל רמ"א: קאָן דען זיין קולטור אָן טראַדיציע, אָן ירושה?

ווילנע איז „אַ תהילים אויסגעלייגט אין שטיין און אייזן" (קולבאַק) און איטלעכער שעפּט פון אָט דעם ספר זיין תורה און צעטראָגט זי איבער אַלע וועלטן — „כי מווילנה תצא תורה ודבר ישראל — מירושלים דליטע."

איבער אַלע וועגן פון זיין וואָגלען,
איבער גאָר דער וועלט,
שטייען דיינע לאָגלען
ברייט און ווייט צעשטעלט...
(האָפשטיין).

דאָס איז ווילנע.

און די קאַלטע זילבערנע ווילייע טראָגט אין זיך פאַרטיפט אירע שטראָמען, האָסטיק, שטיל באַשיידן און פאַרעקשנט. גיי, שווים איר קעגן שטראָם. זיך ניט צו פאַרמעסטן. ווער קאָן זיך פאַרמעסטן מיט ווילנע?

דאָס איז ווילנע, דער גילגול פון ירושלים, דער גילגול פון יבנה, פון נהרדעה, דער מרכז רוחני פון גאַנצן יידנטום אין דער תקופה פון מיזרח־אייראָפּע.

---

### וועגן רעצענזיעס

שרייבערס און פאַרלעגערס וואָס ווילן אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענזירט ווערן אין „חשבון", דאַרפן אַריינשיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פון „חשבון".